Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1943

עירעטנאפניא-מאי

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

און אױף די פערד די רײַטערירע זיצן גראַד,
די הענט צו שטערנס הײבן שטרענגע זיך אַלײן אױף, —
און מיט די הערצער קלאַפּן אױס זײ אַקוראַט
אַ יעדן טאַקט װי אין אַ ליד אַזאַ פאַרײניקט.

די אױסגעפּײַניקטע זײ ברענגענדע דאַרפן פרײד
און פאַר די לײד די ביטערע — באַלױנען;
דאָװאַטאָרס רײַטער הײבן אָן אַזױ דעם רעיד
אין האַלבער נאַכט — צום הינטערלאַנד פון סױנע.

און אין דער מיט, אין סאַמע ברען, האָט זיך דערהערט
פון גענעראַל אַ הילכיקע קאָמאַנדע:
— קאַװאַלעריסטן, אױף די פערד! צו דרײַ אױף רעכט!
— נאָך מיר, דאָװאַטאָראָװצעס, — אַרש! און — צו די ראַנדן!

ס'איז האַלבע נאַכט. די הײך איז אױסגעשטערנט קלאָר.
געשמידט פון צױבער קאָנען בײמער זיך ניט רירן,
און װי אַ שטורעם פונעם שלאָפנדיקן דאָרף
לאָזן אין אָנגריף זיך דאָװאַטאָרס רײַטערירע.

★✦★

## ים־אינפאַנטעריע

ס'אײַלן װינטן פון יאַמען געטרײַע,
דורך די װאָלקנס זיך רײַסן געבערג:
— שפּרײט דעם סױנע אַ נעץ אױס פון פײַער,
אין דײַן האַס אים פאַרשלײף און דערװערג!

ס'הײבן אױף זיך צעטראָטענע זױמען,
אונטער בלײַענעם האָגל געזײט:
— שנײַד, געליבטע פון יאַמישע רױמען,
די פאַרדאַרבער פון סטעפּישער ברײט!

אױף פאַרױכערטע כוראַװעס אױף שװאַרצע
שטיל אַ מאַמע דאָס קינד אײדס פאַרװיגט:
— זאָל דער שטורעם פון ים אין דײַן האַרץ זײַן,
און די רו פון אַ פעלדז — אין דײַן בליק,

און די קראַפט אין דײַן האַנט — פון אַ דונער,
און דער פּאָך אין דײַן שװערד — פון אַ בליץ!

לייג דאָס הארץ צו דער ערד דייַנער צו נאָר,
א געשענדטע זי רופּט צו דיר איצט...

אופגעפלאקערט מיט צאָרן איר קאָל איז,
נאָר דאָס קינד אירס זי וויגט מיט א טרייסט:
— ס׳וועט דער טאטע די מערדערס באצאָלן,
פאר די טרערן, דעם בלוט און דעם בייז!

ס׳ווארט דאָס קינד, ס׳ווארט די ערד, ס׳ווארט די מאמע,
אויסגעבויגן אין בלוטיקן אָל,
א געוויין גייט פון יאמען ביז יאמען:
— זייַ זיך נויקעם, מאטראָס, און באצאָל!

— נעם די שטורעמס פון אונדז און זייַ גרויזאם
און פארניכטנד צום פייַנט אין געשלעג,
הייב זיך אופ און פארפלייץ און צעשטויס אים
און צעשמעטער — פון ברעג ביז צו ברעג!

זאָל דייַן כעזשבן פון אומברענג די מערדערס
זייַן אָן צאָל, ווי די כוואליעס אין יאם.
ווי א מאמע צו דיר רופּט די ערד איצט
מיט איר וויי, מיט איר צאָרן און פלאם —

מיט די שארבנס פון סוינע פארצוימען
אים דעם וועג אין זייַן בלוטיקער קייט;
— זייַ, געליבטע פון יאמישע רוימען,
נאָך באליבטער פון סטעפּישער ברייט!

יעדעס גראָז, יעדער בוים, יעדע לאָנקע
רייַסט פון פייַנט זיך צו דיר אומעטום,
ס׳האָבן יאמען מיט ברויז דיך באשאָנקען,
און דער ברויז — מיט אומשטערבלעכן רום!

א געפאנגענע ווארט ניט דערווארט זיך
בא דעם מערדער דייַן מאמע — דייַן ערד;
זאָל דער שטורעם פון יאם אין דייַן הארץ זייַן
און דאָס פייַער פון בליץ — אין דייַן שווערד!

★✦★